STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05235

LEYMGRUBN

Israel Joshua Singer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שול־ביבליאָטעק

№ 27

י. י. זינגער

לימגרובן

פאַרלאַג / „קולטור־ליגע“ / וואַרשע

נעדרוקט אין 1000 עקזעמפלארן ווארשע 1924
ועצערײַ ברוק און ביר, דרוקערײַ „די וועלט“

I. I. Zinger—Łeimgruben
Wyd. „Kultur-Liga“, Warszawa
Druk. „Di Welt“, Warszawa, Nowolipie 7.

ל י י מ ג ר ו ב ן

I

פֿאַרטאָג. אויף די לייםגרובן פֿאַרשפּרייט זיך אַ גרינלעכער אומבאַשטימטער פֿרימאָרגן. אויף דעם שפּיץ קוימען פֿון דער ציגעלנע ישובֿן זיך קראָען:—קראַקען אויף אַ רעגן, צי נישט.

נפֿתּלי שמאַטניק שטייט נעבן זיין בלינד פֿערדל, שפּאַנט עס צוםביידל שמאַטעס און קלאַפּט אַלע מאָל אָן מיט דער שפּיץ בייטש אין פֿענסטערל:

— שאָשע, גענוג דיר גיאַנטשען דאָס יינגל...

— שאָשע, כ'וועל אַוועקפֿאָרן אָן דיר...

שאָשע באַטראַכט נאָך איינמאָל די אָנגעשניטענע מוציאס ברויט, וואָס זי האָט פֿאַר איר יואַליקן אָנגעגרייט אויף אַ גאַנצן טאָג. זי נעמט ווידער אַראָפּ דאָס ברויט פֿון שאַפֿע, זי שניידט צו נאָך אַ קיילעכדיק פֿענעצל; זי שאַצט עס אָפּ אַ ווײַלע מיט איין אויג, און אַ צופֿרידענער שמייכל צעציט איר מאַמיש פּנים. זי לייגט צו צום אָפּגעשניטענעם ברויט נאָך אַ שטיקל האַרטן האָניק, זי ציילט אָפּ צוויי שטיקלעך

צוקער און איילט זיך אַרויס אויפֿן מאַנס באַפֿעל. ערשט בײַ דער טיר דערמאָנט זי זיך אָן איר שטענדיקער וואָרעניש, און זי רופֿט פֿון יענער זײַט טיר די זעלבע פּאָר ווערטער, וואָס יעדן טאָג:

– יואַליק, שפּיל זיך נישט מיט קיין שוועבעלעך, וועסט זיך נאָך פֿאַרברענען. – יואַליק, אַז אַ בעטלער ט׳קלאַפּן אָן טיר, זאָג: טאַטע=מאַמע נישטאָ...

יואַליק וואַרט אויס, ביז ער דערהערט דעם טאַטנס „וויאָ" און די רעדערס סקריפּ. ער שפּרינגט מיט דינע פֿלינקע פּיסלעך פֿון בעט אַרויס, כאַפּט זיך אַרויף אויפֿן טישל, וואָס שטייט בײַם פֿענסטערל, און ער לייגט אַרויף אַ פּאָר בלויע שפּילנדיקע אייגעלעך און אַ שפּיץ פֿליישיק נעזל אויף דעם טויאיק=אויסגעוואַשן שײַבעלע. דאָס ביידל דראַפּעט זיך באַרג=אַרויף, גליטשט זיך טאָל=אַראָפּ. און יואַליק זעט, ווי אָט באַקומט דאָס פֿערדל זייערס אַ געוואַלדיק גרויסן קאָפּ און פֿאַרלירט די הינטערשטע פֿיס צוזאַמען מיט טאַטע=מאַמע; באַלד ווערט דאָס אָן דעם גאַנצן קאָפּ און בלויז אַ צעבײַטשלטער האָריקער הינטער שאָקלט זיך אין דער ברייט אויף רעכטס און לינקס. יואַליק שטרעקט אויס צוויי הענטלעך אין דער לופֿט, ווי ער וואָלט ציִען בײַ אַ פּאָר לייצעס, ער שמײַסט אין לופֿט און שרײַט דורך דעם פֿענסטערל אויף דעם טאַטנס שטייגער:

– וויאָ, בלינדער, וויאָ...

– העי, וועסט קריגן אין פֿעל, העי...

פֿריִער, אַז יואַליק איז נאָך גאָר אַ קלײנטשיקער געווען און קים צום טישל דערלאַנגט, פֿלעגט ער נישט טרײַבן דאָס פֿערדל הינטערן שויב, נאָר ציִען די לייצעס צו זיך, ווי ער וואָלט עס וועלן אײַנהאַלטן. דעמאָלט פֿלעגט

אים די מאַמע זײַנע פֿאַרמאַכן אויף אַ גאַנצן טאָג, נישט פֿאַרשליסן, נאָר פֿאַרשטעקן מיט אַ העלצל דעם האָק פֿון דרויסן, ווי מ׳פֿאַרשטעקט אַ שטײַג מיט עופֿות. און יאָליק פֿלעגט אַ גאַנצן טאָג זיצן מיט די אײגעלעך אָנגעשפּאַרט אין פֿענסטערל און קוקן אויף ברייטע און פּוסטע לײמגרובן אַרום זיך.

ער פֿלעגט זען פֿון ווײַט אַ לאַנגע חרובֿדיקע ציגל־פֿאַבריק מיט אַ הויכן פֿאַרראַכערטן קוימען, אויף וועלכן אַ קראָ שטייט תּמיד אויף דער וואַך און היט אָפּ די פּוסטע, לײמיקע געגנט. ער האָט געזען אויסגעקראָכענע בערגלעך און טאָלן, אײנזאַמע און פֿאַרלאָזענע. אַמאָל נאָר האָט זיך עפּעס אַ פּינטעלע פֿאַנאַנדערגעשאָקלט פֿון דער ווײַט, האָט זיך געענטפֿערט אַלץ מער און מער און אויסגעוואַקסן דערנאָך אין אַ קאָלטעוואַטן הונט, אַ בלאָנדזשענדיקן און הפֿקרדיקן.

זײַער פֿענסטערל האָט אַפֿילו שײַבעלעך פֿון פֿיר קאָלירן, ווי אַ סך גויאישע הײַזלעך. יאָליק פֿלעגט זען דורך זיי אַ רויטע וועלט, אַ גרינע וועלט, אַ בלויע וועלט און אַ ווײַסע וועלט. אָבער די טעג האָבן זיך געצויגן אַזעלכע לאַנגע, שטילע, אַז יאָליק איז צוגעוואָקסן צו דער שויב. און אַז ענדלעך איז שוין אַ פֿאַרנאַכט, צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע, אָנגעקומען, האָט יאָליק אַזוי געדראַפּעט אין פֿענסטערל אַקעגן, ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער הונט, וואָס דערזעט צוריק זײַן בעל־הבית.

איצט אָבער איז שוין יאָליק אַ גרויסער. ער דראַפּעט זיך אַליין אַרויף אויף דער שאַפֿע און שנײַדט זיך צו אַ שטיקל ברויט, בעת די צוגעגרייטע שפּײַז גייט אים אויס. ער צעהאַקט שוין אַליין אַ קרומע צווײַג פֿאַר דער טיר און

בראָט זיך קאַרטאָפל. און ער גייט אויך אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג פון דער היים, ער פאַרשטעקט דעם האָק פון דרויסן מיט אַ העלצל און זאָגט אָן דער איבערגעבליבענער קאַץ מיט זיין מאַמעס רייד:

— קעצעלע, שפּיל זיך נישט מיט שוועבעלעך, ווערסט זיך נאָך פאַרבּרענען...—קעצעלע, אז אַ בעטלער ט'קלאַפּן אין טיר, זאָג: טאַטע=מאַמע נישטאָ...

יואַליק גייט אַוועק ווייט. און ער זוכט אויס אַ שטעקן, גרעסער פון זיך אַליין, און דראַפּעט זיך באַרג=אַרויף. דאָרט נעבן וואַסער, וואָס שניידט זיך אין טיפע, ליימיקע גרובן, שטייט דאָרט אַ הייזל, אַ ליימיקס און אַן איינגעהויקערטס, שטייט זיך אויף סאַמע שפּיץ באַרג און אַזוי אין עק, אַז אָט=אָט גליטשט זיך עס פון באַרג אַראָפּ און קייקלט זיך גלייך אין וואַסער אַריין. דאָרט וואוינט וולאַדעק דער ליימפירער מיט זיינע דריי קינדער און פערד און וואָגן. איצט איז וולאַדעק מיטן פערד און וואָגן נישטאָ. ער פירט ליים אין שטאָט פאַר נייע מויערן, — און יעדן פרימאָרגן טרעפט ער זיך תמיד מיט זיין איינציקן שכן נפתּלי דעם שמאַטניק. זיי פאָרן ביידע, איינער הינטערן אַנדערן, טריט ביי טריט, ביז צום קרומען, אויסגעדונערטן צלם. דאָרט צעפאָרט זיך יעדער אין אַן אַנדער וועג, און ערשט פאַרנאַכט טרעפט מען זיך צוריק אויפן אייגענעם אָרט. איצט זענען נאָר פאַרבליבן אין דער היים צוויי שקצים, ביידע מיט אָפּגעדרייטע דאַשקעס און ברייטע הויזן, און איין שיקסל, אַ לייכטס און אַ דינס, מיט אַ פלאַקסענע גלאַטיקע גזשיווקע ביז אין די אַשיקע אויגן אַריין. די שקצים האָבן ביידע פאַרצויגענע נעמען: וואַצעק און באָליעק, נאָר דאָס שיקסל האָט אַ גרויסן נאָמען, אַ גאַנצן און אַ פולן: וויקטאַ הייסט

זי, צו זײ גײט עס יואַליק יעדן טאָג און, גלײך מיט די שקצים, האָט ער ליב געבן אַלע מאָל אַ ריס בײם שיקסל די גזשיוזקע און רײצן זיך:

— װיקטאַ, האָסט מורא פֿאַר אַ טױטן?..

— װיקטאַ...

װיקטאַ אַנטלױפֿט גיך. זי גליטשט זיך אַראָפּ פֿון הױכן באַרג גלײך צום ברעג טײך, און אַלע ייִנגלעך — גלײך נאָך איר.

דאָרט נעבן טײך, דעם לײמיקן און טריבן, האָבן זײ אַ סך זאַכן צו טאָן: קודם דאַרף מען אַרײַנשטעקן די פֿיס אין װאַסער און אָפּװאַשן די לײמיקע טריט, דערנאָך דאַרף מען װאַרפֿן שטײנדלעך איבערן װאַסער און לאָזן „קאַטשקעס" לענגאױס דעם טײך. חוץ דעם, איז פֿאַראַן דאָרט אױך װערים און שניעקעס כּלערלײ. אױף לײמגרובן זענען קײן אַנדערע באַשעפֿעניש ניטאָ. קײן קי האַלט מען דאָ נישט, װאָרים די ערד איז לײמיק און אױסגעקראָכן. קײן הונט דאַרף מען נישט, װײל די געגנט איז אַזאַ זײטיקע און פּוסטע, אַז אַפֿילו קײן גנבֿים און ציגײַנער פֿאַרקלײבן זיך קײנמאָל נישט אַהער. און קלײנװאַרג קען דאָ יעדער װאָרם, יעדער שניעק און שפּילן זיך מיט זײ, װי מיט שטובֿיקע חיות. זײ שלעפּן אַרױס װאַסער־שלאַנגען פֿון טײך, זײ שנײדן זײ איבער מיט אַ שטיקל גלאָז אין דער העלפֿט און זעען, װי בײדע באַזונדערע העלפֿטן קריכן זיך גלײך אַװעק אין פֿאַרשײדענע, באַזונדערע װעגן. זײ זוכן אױס מושלען, װאַרפֿן פֿון זײ אַרױס די אײנגעזעסענע, קלעפּיקע שרצים און לײגן אױס די שיסעלעך טרוקענען אױף דער זון. זײ גראָבן אױס גריבלעך אין דער ערד, זענען מקבר דאָרט שװאַרצע זשוקעס לעבעדיקערהײט, און װאַרטן לאַנג אױס,

ביז די ערד הויבט זיך אָן באַוועגן, דער באַגראָבענער זשוק באַווייזט זיך צוריק א לעבעדיקער, און טרייסלט זיך אָפּ פֿון דער ערד.

אַז מ׳ווערט פּאַרטיק מיט די שפּילערייען, ווייזט מען אויך אַביסל קונצן. וואַצעק שטעלט זיך אויפֿן קאָפּ און גייט אויף די הענט. באָליעק ציט איין אַזוי שטאַרק דעם בויך, אַז די באַקן בלאָזן זיך אים אָן, שיער צום פּלאַצן. יואַליק קנעט אויס א ליימיקן פֿויגל, און קרייט אויף אים פּונקט ווי אַ האָן. און וויקטאַ זעצט גאָר אַריין א נאָגל אין די ווימפּערן, זי דרייט אויס דאָס אויג אויף דער לינקער זייט און מאַכט זיך פּאַר א טויטע.

זי האָט אַלע מאָל ליב רעדן וועגן טויט, זינט די מאַמע אירע איז געשטאָרבן. זי ווייסט, אַז אין שוואַרצן טירל, וואָס ביי זיי אין קיך, טאַנצן דאָרט מכשפֿות אַרום און האַלטן שדים אויף שטריקלעך ביי די הערנער. זי ווייסט, אַז צו דער חרובער ציגעלנע קומט אַלע נאַכט דער געשטאָרבע-נער בעל-הבית און שפּילט דאָרט אויף אַן האַרמאָניע. און יעדעס מאָל, בעת די יינגלעך כאַפּן פֿליישיקע זשאַבעס און שטעכן זיי מיט דרעטלעך אין די געשוואָלענע, געפּינטלטע בייכער, וואָרנט זי מיט אַ פֿינגער פּאַר די אַשיקע אויגן:

— הויבט נישט אָן מיט קיין זשאַבעס...

— זשאַבעס קאָנען פּאַרשעלטן...

שפּעטער, צו מיטאָג-שעה, אַז די זון שטעלט זיך אין מיט הימל און שאָטנס ווערן מאָדנע קורץ און קיילעכדיק, — וואַרפֿן קליינוואַרג פֿון זיך אַראָפּ די העמדלעך און לאָזן זיך שווימען איבערן טייך. וויקטאַ שאַרט רונדיק מיט די הענטלעך און פֿיסלעך, אויף אַ מיידלערישן שטייגער, און די יינגלעך שטיקן זיך פֿון געלעכטער:

זשאַבע קו=קו...

נאָר, אַז די נאַקעטע לייבער הייבן אָן ווערן ברוין=און=בלוי פון צופיל וויקן זיך און פּיאַווקעס טשעפּען זיך צו די פיס, לאָזט מ'זיך גיך פון וואַסער אַרויס און מ'צוואָגט זיך מיט די נעגל די נאַסע קעפּ. די פּיאַווקעס, ווייסן זיי, טאָר מ'נישט אָפּרייסן פון זיך. מ'דאַרף זיי לאָזן אָנזויגן מיט מענטשן=בלוט ביז זיי ווערן געשוואָלן און קייקלען זיך אַליין אַראָפּ. דעמאָלט זאַלצט מען זיי ערשט אויס, זיי זאָלן נישט פּגרן פון בלוט. מ'לאָזט זיי אַריין אין פלעשלעך וואַסער און מ'באַהאַלט זיי אין בוזים פון העמד, — אַ מתּנה פאַר וולאַדעק דעם ליים=פירער. איצט נעמט חבֿרה די לײדיקע מולטער, וואָס שווימט אַרום איבערן טײַך, נעמען עטלעכע פאַרפוילטע וואָרצלען און שטעקנס אין די הענט און מ'לאָזט זיך איבער דעם ליימיקן טײַך כאַפּן טרפהנע שוואַרצע פיש.

די מולטער שווימט דאָ שטענדיק אויפן טײַך. דאָס איז אַ מולטער אַ גרויסע, אַ טיפע און גענוצט אַמאָל ביי קוילען חזירים, בעת וולאַדעק האָט חזירים געהאַט. תּחילת, אַז וולאַדעק האָט זיך געכאַפּט, אַז מ'האָט זיין מולטער גענומען אויף אַזעלכע נאַרישקייטן, האָט ער לאַנגזאַם אַראָפּגענומען דעם זעלבערישן רימען פון די הויזן, ער האָט אים איינגעלייגט פינקטלעך און לאַנגזאַם אויף דער העלפט, און קליינוואַרג האָט מיט גרויאַישער אונטערטעניקייט דעם טאַטנס רימען איבער הוילן לייב פאַרזוכט. נאָר שפּעטער צו, אַז מ'האָט אָנגעהויבן כאַפּן פּיאַווקעס און לאַנגע שוואַרצע „פיסקאָזשעס", וואָס פייפן און וויקלען זיך, ווי די שלאַנגען, איז וולאַדעק ווייכער געוואָרן. ער פלעגט מיטפירן די געפאַנגענע ווערים אין שטאָט צוזאַמען מיטן ליים. דאָרט פלעגט ער עס פאַרהאַנדלען ביי אָנגעגעסענע חזירים=קוילער,

וואָס שטעלן זיך פּיאַווקעס אָנשטאָט האַקן אָדער. און אַהיים פֿלעגט ער קריפֿן קראָכמאַלנע געפּאַרבטע לעקעכלעך און טריקענע פֿליגן אויף צו פֿאַרנאַרן פֿיש. אַז מ׳פֿאַנגט אָן אַ היפּש ביסל „פּיסקאָזשעס" לאָזט זיך יעדער אַרומוויקלען איינעם אין עטלעכע מאָל אַרום האַלז, מ׳קלויבט אָן אַ ביסל טרוקענעם שאַווער, מ׳הייצט אונטער, מ׳שטעלט אַריין אַ קרומען דראָט אין אַ פֿישישן קאָפּ, און מ׳קוקט מיט צופֿרידנקייט, ווי די שוואַרצע ווערים דרייען זיך אין ווייטאָק אַרומען אָנגעגליטן דראָט און בריען זיך אויס ווייסע גאַרטלען אין זייערע שוואַרצע, גליטשיקע לייבער.

אַז מ׳עסט אָפּ די געבראָטענע, אָנגעביינערדיקע שרצים, נעמט יואַליק אַראָפּ דאָס היטל פֿון קאָפּ, ער שעפּט דערמיט אָן אייניקע מאָל וואַסער פֿון טייך און גיסט אין טרוקענעם ליים, ער מאַכט מענטשן און פֿערד פֿון ליים. און ער שעפּט אַ היטל נאָך אַ היטל, ער גיסט אין דער אויסגעטריקנטער דורשטיקער ערד, ער לאָזט אָנזויפֿן אירע לעכצנדיקע שוואַרצע שפּאַלטן און קנעט גיך און געשיקט מיט ביידע פֿלינקע הענט. וואַצעק, באַליעק און וויקטא ליגן זיך אויס אויף די בייכלעך, זיי באַטראַכטן פֿון הינטער פֿאַררוקטע דאַשעקעס יואַליקס יעדע באַוועגונג און זיי פֿילן אָן אומרויִקייט אין די פּיסלעך, גרייט יעדער רגע אַ שפּרונג צו טאָן.

זיי דאַרפֿן נאָר אויסוואַרטן, ביז יואַליק וועט אויסמאַכן צוויי לעכער אין דעם ליימיקן שטערן, און מ׳לאָזט זיך אַלע דריי פֿאַנגען צוויי רויטע „שניידערס", צוויי לעבעדיקע ווערימדיקע נשמות אין די גולמישע אויגנלעכער איינצופּאַסן.

I

יאָליק גייט אַליין אַוועק פון ברעג. ער וואַנדערט שוין אַרום איבער די ליימיקע גרובן און בערגלעך און פאַרקריכט אויך צו דער חרובדיקער ציגעלניע.

ער קריכט אַרונטער אונטער די איינגעפאַלענע פאַרלאָ־טעטע דעכער, וואו אַמאָל פלעגט מען טריקענען ציגל און איצט האַלטן זיך דאָרט פייגל אויף און וואַרעמען קליינע גע־שפרענקלטע אייערלעך. ער נעמט אָן פולע הויזנקעשענעס מיט הפקרדיקע אייערלעך און פרווט זיי ציילן אין שפיץ קוי־מען איינס נאָך דאָס אַנדערע, ביזן סאַמע לעצטן. ער נעמט אָן אָפגעבראָכענעם שליסל, פילט אָן דעם לאָך פול מיט שוועבל, פאַרמאַכט מיט אַ טשוואָק, און שיסט אַזוי הילכיק, אַזוי ווייט, אַז קראָען דערשרעקן זיך און פליען מיט אַ קראַקעריי אַוועק. ער נעמט אויך גאַנצע רייען האַלב־פאַרברענטע ציגל, ער לייגט זיי אויס איינס אויפן אַנדערן און בויט אויס אָן אייגענע צי־געלניע, אָן אייגענעם קוימען, וואָס גרייכט אים ביז איבערן קאָפ.

אַז ער וועט עלטער ווערן, וועט ער זיין פונקט ווי דער טאַטע זיינער.

ער וועט אויך טראָגן אַזעלכע גרינע געפאַסטע הויזן, הויכע געפאַלדעוועטע שטיוול און אַ ברוין געשטריקט לייבל מיט טראָלדן און גילדענע קנעפלעך. רעדן וועט ער ווייניק, ווי דער טאַטע זיינער. ער וועט נאָר פייפן, פייפן. יעדן זונטאָג וועט אים דאָס ווייב זיינס פאַרקנעטן אַ מולטער מיט ליים.

ער וועט אויסאַרבעטן פון ליים פײפעלעך, הענדעלעך און סאָלדאַטעלעך. דאָס ווײַב זײַנס וועט שטײן דערנעבן מיט אַ גלאָז רויטע און גרינע פאַרב און העלפן: די הענדעלעך וועט זי שמירן מיט גרינס; בײַ די סאָלדאַטלעך—די בעקעלעך מיט רויטס.

דעם טאַטן האָט יואליק ליב. ער האָט אַפּילו אַביסל מורא פאַר אים. בײַ אים פאַלט די טשופּרינע אַראָפּ ביז איבער די ברעמען און פאַרשטעלט אים אינגאַנצן די אויגן. דערצו האָט ער נאָך אַ טבע אומצוגײן אַ צײַט שטיל, שטיל און נאָר אַמאָל ברומען פון אונטער די וואָנסן צו דער מאַמעס זײַט:

— געמאַכט פון מיר אַ שמאַטניק, האַ?..

אָבער דערפאַר איז פאַראַן בײַ אים אַ קיטל, צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשײדענע זילבערנע מטבעות. אויף די פינגער זײַנע זיצן אַ סך פינגערלעך מיט קיסרים און קייסערינעס. אויף דער וואַנט הענגען אַ סך זײַנע פאָטאָגראַפיעס. ער איז אויף אַלע מיט אַ זעלנערייש היטל אָן אַ דאַשעק און מיט אַ האַלב-קײַלעכדיקער שווערד בײַ דער זײַט. חוץ דעם האָט ער נאָך אַ קעמערל נעבן הײזל, אַ קלײן משופּע קעמערעל, וואו אין היי און שטרוי באַהאַלטן זיך דאָרט די שענסטע פאָרצעלײַענע זאַכן אויס.

אַ גאַנצע וואָך שטײט דאָס קעמערל פאַרשלאָסן, יואליק קוקט אַרײַן מיט אײן אָפן אויג דורך די שפּאַלטן, נאָר ער זעט גאָרנישט. ערשט אַז ס'קומט זונטאָג, בלײַבן טאַטע-מאַמע אין שטוב. זונטאָג קאָן מען איבער די דערפער נישט פאָרן. און די מאַמע פּאַקט פאַנאַנדער די אָנגעקױפטע פּעק שמאַטעס און בײנער, דער טאַטע עפנט דאָס קעמערל; יואליק גײט דעמאָלט נישט אַוועק אויף קײן רגע פון שטוב און ווייסט נישט, וואוהין פריער צו קוקן.

די מאַמע זיצט אין פּאַק שמאַטעס ברייט און פֿאַנאַנדערגעלייגט, ווי אַ הון ביים וואַרעמען אייער. די זון שיקט קרומע פּאַסן גילדענעם שטויב און זייעט עס צווישן אירע דורכזיכטיקע ראָזע פֿינגער. זי שלעפּט אַרויס סטאַניקלעך רויטע, בלויע און גרינע, זי רייסט פֿלינק אָפּ פּאַטשערקעס, קנעפּלעך און קרעלן און וואַרפֿט באַזונדער אין אַ קופּקע. זי ציט לאַנגע פֿישביינען פֿון שאָרכנדיקן זיידנס אַרויס. זי געפֿינט אויך עפּעס אַ צעקנאָדערטע בלויע אַטלעסענע סטענגע, נעמט זי עס גיך אַרום אַרומן בלאָנדן קאָפּ האָר, זי כאַפּט אַ זייטיקן בליק אין אַ שטיקל צעבראָכן שפּיגעלע און כאַפּט אָן נפֿתּלין ביים לייבל:

— זע, נפֿתּלישי, ס׳איז שיין?..

— ס׳איז שיין, שיין — ענטפֿערט נפֿתּלי פֿון אונטער די וואָנסן און גיט אַ קלאַפּ מיט אַ ביין אָן אַ ביין.

ער האָט פֿיינט די פּעק שמאַטעס, ער האָט פֿיינט די קיהישע באַקן-ביינער און קניען, קלאַפּט ער זיך אָפּ ביידע געפּאַסטע פֿיס פֿון שטויב און לאָזט זיך צום קעמערל זייַנעם. יואַליק רייסט זיך פֿון דער מאַמעס הענט אַרויס און לויפֿט שווייגנדיק מיט פֿלינקע, לעבעדיקע שפּרונגען.

דאָרט איז אַ נייע וועלט:

אויף פּולמעסן, לאַנגע און פּלאַכע, ליגן דאָרט מענטשעלעך מאָדנע: אָט ליגט איינער אין אַ ווייבערישן געפּאַסטן סטאַניק מיט הויכע זאָקן ביז די קניען און רויכערט גאָר אַ ליולקע. אָט זיצט עפּעס אַ פּרוי אין אַ רונדיקן ברייט קלייד, ווי אין אַ פֿעסל: זי האָט לאַנגע געקרייזלטע לעקעלעך, זי האַלט אַ גילדענעם פּאָכער אין די דינע לאַנגע הענט, און דערנעבן שטייט עפּעס אַ יונגער פּאַרשוין אין ווייבערישע שיכלעך, שטייט אויף איין פֿוס און דערלאַנגט

אַ פּאַק געלע בלומען. אויף קריגלעך האַלטן זיך ייִנגלעך מיט רונדע קאַפּעליושלעך און מיט אַ גרינע פעדער פון הינטן; מיידלעך מיט גילדענע שיכלעך און מיט קיישלעך קאַרשן אין די הענט. דערצו נאָך זענען פאַראַן דאָ קיסרים, אינגאַנצן אין גאָלד, גלחים קורצע און ברייטע מיט לאַנגע צלמים אין די הענט, קעצלעך אין שטיוול און מיט טשי־פּעקלעך אויף די קעפּ, העלפאַנדן מיט זיידענע גע־קעסטלטע קאָלדרעס איבערגעדעקט, און גלאַט שלאַנגען און עקדישן מיט אָפּעגע בלויע ציין און גרינע געדרייטע עקן.

יואַליק קוקט שווייגנדיק אויף אַלע זאַכן און דער טאַטע זיינער וואַקסט ביי אים אויס נאָך העכער און גרע־סער, אַז אָט, אָט, דאַכט זיך, שפּאַרט ער אָן אָן דעכל און הויבט עס אונטער מיטן קאָפּ. די מאַמע זיינע דער־ציילט אים אָפּט, צו וואָס די אַלע זאַכן נוצן. פאַר דעם, זאָגט זי, גיבן די גוים אַוועק די שמאַטעס מיט די ביינער. ער ווייסט אויך, אַז די שמאַטעס פירט מען אין פּאַפּיר־פאַבריק, די ביינער אין צוקער־פאַבריק און מ׳באַקומט אַ סך געלט דערפאַר. נאָר פונדעסטוועגן פאַרדריסט אים, פאַרוואָס די מאַמע זיינע בייט אויס אַזעלכע שיינע זאַכן אויף שמאַטעס און ביינער. און ער קוקט מיט מורא און דרך־ארץ אויפן טאַטן זיינעם, ווי ער קנעט אין ליים. מאָדנע פינגער ביים טאַטן זיינעם. אָט שטייט אַ שיסל ליים, ווייכער צעקנעטענער ליים, און שוין קריכן פון דאָרט איין פויגל נאָכן אַנדערן. דער טאַטע אַרבעט גיך, פלינק, קוים וואָס מ׳דערזעט מיטן אויג. און אָט שטייט שוין אַ הענדל מיט אַן אָפענעם שנאָבל און מיט אַ פאַרריסענעם עק. אַז אַלע עופות שטייען שוין אין שורות, ווי די סאָל־

דאַטן, נעמט ער ערשט דעם שפּיציקן נאָגל און מאַכט אויס לעכלעך אין די אויגן. דערנאָך טונקט ער אַ גענזענע פּעדער אין גלאָז, שמירט און ברומט גלייכצייטיק פֿון אונטער די וואָנסן:

— שאָשע, שטעל זיי טריקענען, די חיות...

— שאָשע, לאָז זיי נישט צוברענען...

אַז ער וועט זיין אַזוי הויך, אַז ער וועט דאַרפֿן אָנבויגן דעם קאָפּ ביים טירל, וועט ער אויך מאַכן אַזעלכע הענדעלעך און סאָלדאַטעלעך. ער וועט מאַכן אַ סך, אַ סך. נאָר קיין איינס נישט אַוועקגעבן פֿאַר קיין שמאַטעס. דערווייל איז ער נאָך קליין. אַזוי קליין, אַז ער דערגרייכט קוים דעם טאַטן צום רימען. אַז ער וועט האָבן אַ ווייב, וועט ער פֿון זיך נישט לאָזן מאַכן קיין שמאַטניק. ער וועט קיין וואָרט נישט רעדן, קיין איין וואָרט נישט. ער וועט נאָר פּייפֿן, פּייפֿן. וועט אויסדרייען דעם קאָפּ צום ווייבס זייט און ברומען פֿון אונטער די וואָנסן:

— געמאַכט פֿון מיר אַ שמאַטניק, האַ?..

אויפֿן ברעג שפּאַלט זיך די ערד אַלץ טיפֿער און געדיכטער. טרפֿהנע פֿיש שלעפּן זיך קוים איבערן פֿלאַכן טייך און זשאַבעס און פּיאַווקעס קאָנען זיך קיין אָרט נישט געפֿונען פֿון טרוקעניש.

יאָליק ליגט גאַנצע טעג ביים ברעג. און ער שעפּט איין היטל זומפּ נאָכן צווייטן און גיסט אין דער אויסגעדאַרטער ערד, וואָס קאָן זיך גאָרנישט אָנזעטן. ער פֿאַר-

שאַרצט די אַרבעלעך פון העמדל ביז די אָרעמס און קנעט פעסט און פאַרעקשנט. נעבן אים ליגן וואַצעק, באַליעק און וויקטאָ, ליגן אויף די בײַכלעך און קוקן מיט אָפענע אויגן אויף יואַליקס אַרבעט.

יואַליק אַרבעט שווער.

ביי איין מענטש האַלטן זיך די פיס פעסט, זיי זענען קורצע און דיקע. נאָר דער טאָרס אויף זיי האַלט זיך אַ קרומער און צו אַ שווערער, וואַקלט ער זיך עטלעכע מאָל אַהין און צוריק און גליטשט זיך אַראָפּ פון די קורצע פיס זיינע. ביי אַן אַנדערן איז דער טאָרס אַ גוטער, אַ גלייכ-געוויכטיקער, נאָר אַ העלדזל איז ביי אים אַ דינס און אַ לאַנגס, ווי ביי אַ גענדזל. בריגט זיך דער קאָפּ אַלץ מער הינטער זיך, ווי ער וואָלט אַ שטילע תפלה געזאָגט, און וואַרפט זיך פלוצלינג גלייך אין וואַסער אַריין. תחילת, אַז דער גולם בלייבט אָן אַ קאָפּ, ווערן ביי קליינוואַרג פאַר-שטאַרט די אויגן אַ ווײַלע און די קעפּלעך ווערן אַזוי פאַרגליווערט און טעמפּ, אַז אָט-אָט קייקלען זיי זיך אויך אַראָפּ פון די העלזלעך און פאַרוואַרפן זיך אין וואַסער. נאָר באַלד שעפּט יואַליק נייע היטלען וואַסער. ער שטויסט מיט ביידע פיס אין אומבאַהאָלפענעם גולם. ער צעקנייטשט אים די גראָבע פיס, צעלעכערט אים דעם אָנגעבלאָזענעם בויך, און מאַכט פון אַ פריערדיקן פוס אַן איצטיקן קאָפּ, פון פריערדיקן האַלז אַן איצטיקע האַנט. און קליינוואַרג בלייבן ווידער מיט אָנגעשטרענגטע אויגן און אויערן, ווי זיי וואָלטן מורא האָבן אָטעמען, כדי מיט עפּעס נישט קאַליע צו מאַכן.

נאָך אַ סך מאָל אומפאַלן, טראַכט יואַליק פאַרשיידענע מיטלען אויס. ער פּאַקט ערגעץ אַ פאַרפוילטע צווייג און

שטעלט אַוועק אונטערן ליימיקן רוקן, ווי דער טאַטע זייַנער שפּאַרט אונטער דאָס קעמערל. ער מאַלט גראָבע קלעצערדיקע פֿיס און אַ קליין קיילעכיק קעפּל. ער קנעט דאָס ליים לאַנג, לאַנג, ביז ס'ווערט האַרט, שווער און דויערהאַפֿטיק. אַז אַ פּאַרשוין שטייט שוין ענדלעך אײַנגאַנצן, זעצט מען אים אַרײַן צוויי „רויטע שניידערס" אין די אויגן פֿאַר נשמות, און מ'נעמט זיך טאַנצן אַ רעדל אַרום באַשעפֿעניש. ס'טאַנצט צום ערשט שיטער, פֿאָרזיכטיק, נאָר אַלע מאָל אַלץ געדיכטער און פֿלינקער. מען טאַנצט לאַנג, לאַנג, ביז די קעפּ פֿאַרדרייען זיך און מ'פֿאַלט אַלע צוזאַמען מיטן באַשעפֿעניש אײַנײַנעם. אַז דער גולם בלייבט ליגן מיט דער פּלייצע צום הימל, גיט אים יעדער נאָך אַ שטויס מיטן פֿוס אין לײַב און מ'שרייט אים אין די אויערן הויך און קוויטשיק:

— ליג, נאַר...

— ריר דיך נישט...

און דערנאָך כאַפּט מען די העמדלעך אויף זיך און מ'לאָזט זיך אויף אַלע פֿיר באַרג־אַרויף. דאָס האָט די זון זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון באַרג אין וואַסער און אויסגעבאָדן איר גילדן געשטאַלט אין טריבן, ליימיקן זומפּ. פֿון טײַך קוקן אַרויס די ערשטע זשאַבעס, זיי באַווײַזן זייערע געשוואָלענע און געפּינטלטע בײַכער און שיקן אַ קללה דעם פֿאַרגייענדיקן טאָג. און קליינוואַרג אײַלט זיך גיך צום קרומען צלם. דאָרט טרעפֿן זיך איצט ביידע צוריקפֿאָרנדיקע שכנים: נפֿתלי דער שמאַטניק און וולאַדעק דער ליים־פֿירער. זיי לאָזן זיך אין ליימיקן טאָל אויף נאַכטלעגער. און די קינדער לויפֿן זיי אַנטקעגן.

בײַ נפֿתלין איז אַ פֿערדל אַ בלינדס, אָבער אַן אויס־

געפּוצטס. עס טראָגט אַ רוסיש מיליטער־געשפּאַן מיט גרינע צעטעפּעטע טראָלדן; ס'האָט אַ סך גלאַנציקע מעשלעך אין דעם צוים און אין כאָמעט און ס'איז צוגעשפּאַנט צו אַ קלייןביידל, אַ גרינס און אויסגעלאַטעטס. ביי וולאַדעקן איז אַ פערד אַ גרויס, אַ שווערס, מיט דיקע פיס, פאַרבונדן מיט שמאַטעס אַרום די טלאָען, און געשפּאַנט אין אַ שטריקן־געשפּאַן. דער וואָגן איז אַ לאַנגער, אַ נידעריקער, מיט איינגעלייגטע „באָקעס". נפתלי מיט שאָשען זיצן אין דערהייך אויף די שמאַטעס און שאָקלען זיך אהין און צו־ריק. וולאַדעק שאַרט מיט די אַראָפּהענגענדיקע פיס אין דער ליימיקער ערד. די פערדלעך שלעפן זיך פויל, די בייטשן זענען פאַרשטעקט. און די שכנים רעדן זיך איבער מיט די זעלבע פּאָר ווערטער:

– נאַפּטאַל, מעגסט דיינעם געבן אַ נייע פּאָדקאָווע...

– וולאַדעק, דיינער האָט דאכט זיך געכאַפּט דעם „ראָצער"...

ביז צו די הייזלעך טרייבט שוין קליינוואַרג אָן. די עלטערע גייען פויל אַריין אין די שטובן, גרייטן וועטשערע. און קליינוואַרג נעמט איבער די בהמות צו זיך אין רשות. אַז מ'ווערט פאַרטיק מיטן פּאַשען, זעצט מען זיך אַוועק אויף די שאַרפע אויסגעהויקערטע פערדישע רוקנס און מ'לאָזט זיך צום טייך. וואַצעק און באָליעק זיצן אויף זייער „גניא־דע" איינער הינטערן אַנדערן און שטויסן מיט די באָרוועסע פיס אינם פערדישן בויך. וויקטאַ זיצט אויף נפתלים קאַשטאַן, טוליענדיק זיך צום אים, זי זאָל פון פערד נישט אַראָפּפאַלן. מ'לאָזט זיך צום טייך אויף אַ באָד. און מ'יאָגט זיך איבער איינער דעם אַנדערן און מ'שרייט מיט אַלע כוחות:

— וויא, בלינדער, וויא...

— וויא, לאמער, וויא...

וולאדעקס „לאמער" ציט אויס צו לאנג די הינטערשטע גראבע פיס און נפתליס „בלינדער" ווארפט נאריש מיט די בלויע בילמעס אויף רעכטס און לינקס. זיי שאקלען אזוי ערנסט מיט די קעפ די פערדישע, ווי זיי וואלטן זיך שעמען שטיפן, ווי זיי וואלטן זיך נאריש מאכן און געטאן עפעס קינדערישע זאכן. אז מ'קומט צו צום טייך, האלטן זיי זיך מיט אלע כוחות, זיי זאלן זיך נישט אראפגליטשן פון בארג און גייען אין וואסער אריין געהארכזאם, שטיל, אן פערדישער עקשנות.

חברה טונקט די הענט אינם טייך און רייבט לאנג מיטן לעצטן ביסל זומפ די געררייפטע פערדישע זייטן.

III

ואליק קריכט איין־אליין ארום די ליימיקע בערג. ער דראפעט זיך אזוי לאנג בארג־ארויף און אראפ, ביז ער פילט א מידקייט אין זיינע פיסלעך. און דעמאלט ערשט לייגט ער זיך אוועק מיטן קליינעם גופל אויף דער גרויסער ערד און קוקט מיט א ווייטזיכטיק אויג אויף דער בלויער וועלט ארום זיך. די וועלט ארום איז ברייט, ווייט, ביז ערגעץ צו א פיאלעטער געדיכטער צוים, וואס רינגלט זי ארום. און יואליק נעמט אלץ ארום מיט זיינע אייגלעך. ער באטראכט די צעפלאסענע קופעס שניי, וואס האלטן זיך אין הימל,

כאָטש ס'איז אַזוי הייס. ער קוקט אויף די הויקערדיקע בערג, וואָס הייבן זיך איינער הינטערן אַנדערנס רוקן, ווי זיי וואָלטן זיך צו אַ פרעמדן סוד אונטערגעהערט. און ער פאָרשט אויך נאָך נאָך די הימלישע חתונות, נאָך פייגלשע קאַראַהאָדן, וואָס דרייען זיך ווי שנירלעך שוואַרצע קרעלן און פאַרטשעפּען זיך אַלע ווײַלע אין הימלישער בלויקייט.

די וועלט, ווייסט יואַליק, שטאַמט פון ערד; אַזוי זאָגט אים וויקטאָ:

— אַלץ איז פון דער ערד, אַפילו די טעפּלעך מיט די קריגלעך זענען ערדענע...

און נישט בלויז די טעפּלעך מיט די קריגלעך, נאָר אַ פילן די שיינע זאַכן אין זייער קעמערל אויך. ער האָט איינמאָל געפּרוּווט אָפּברעכן ביי זייערן אַ העלפאַנד אַ האַלבע נאָז און ער האָט עס אַליין געזען. אַפילו מענטשן זענען אויך ערד. נישט איינמאָל האָט עס אים באַליעק געוויזן:

— רייב, יואַליק, אַ האַנט אין אַ האַנט, וועסטו זען, ווי ס'רייבט זיך אָפּ שוואַרצע ערד...

אַז ער וועט זיין אַ גרויסער, וועלן די גאַנצע ליימגרובן זיין זיינע. קיין איין פּירל ליים וועט ער וואָלדעקן נישט לאָזן אַרויספירן. אַ שטיבל וועט ער זיך אויך מאַכן פון ליים. אין הייזל וועט ער קיין פענסטער נישט מאַכן, קיינער זאָל צו אים נישט קאָנען אַריינקוקן, נאָר לעכער וועט ער מאַכן אַזעלכע באַהאַלטענע אין די ווענט, דורך וועלכע מ'זאָל אַלץ קאָנען זען. ער וועט זיצן גאַנצע טעג ביים בערג. ער וועט שעפּן אין היטל וואַסער נאָכן צווייטן און אויפשטעלן מענטשן און פערד אָן אַ שיער. די מענטשן מיט די פערד וועט ער מאַכן גרויסע, אַזעלכע גרויסע, ביז איבערן קאָפּ. ביים הייזל זיינעם וועט ער

אויסקשטעלן צווײ לײבן מיט אָפֿענע פּיסקעס און פֿאַררײסענע עקן, לײבן אַזעלכע גרױסע און עכטע, אַז זײ זאָלן פּונקט ווי לעבעדיקע אויסזען, און יעדער וועט מורא האָבן פֿאַר זײ, זײ זאָלן לעבעדיקערהײט נישט אײנשלינגען.

אויף די לײמגרובן איז איצט נאָך פּוסטער.

וואַצעק מיט באָליעקן הײבן זיך שוין איצט אויף פֿאַרטאָג, גלײך מיטן טאַטן זײערן. זײ העלפֿן אים שפּאַנען דאָס פֿערד, זײ העלפֿן אָנגראָבן אַ פֿירל לײם, און אַז דער וואָגן גײט באַרג־אַרויף, שטופּן זײ אַזוי פֿעסט בײ די רעדער, בײגן זיך אַזוי טיף צו דער ערד, און „וויאָקען" אַזוי צאָרנדיק אויף דעם פֿערדל, ווי אמתע גרױסע. פֿאַרנאַכט, אַז זײ קומען צוריק, זיצן זײ אויסגעזעצט לענג־אויס דעם וואָגן, זײ סטאַרען זיך באַרירן מיט די אַראָפּהענגענדיקע פֿיס די ערד, ווי דער טאַטע זײערער, און זיצן אַזעלכע פֿאַרנומענע, שווײַגנדיקע און ערנסטע, אַז זײ פֿאַרוויקלען אַפֿילו די לײצן אַרום וואָגן, פֿאַרשטעקן די בײטש, ווי זײ וואָלטן זיך גאָר געפֿוילט אָנטרײבן, ווי ס'וואָלט זײ גאָר שווער זײַן צו האַלטן די בײטש אין האַנט.

יואליק זיצט בײם ברעג און קנעט.

ער ווײסט שוין איצט אײנגאַנצן, ווי אַזוי אַ הילצערנעם סקעלעט אָנזעצושטעלן און אַרום אים לײם אַרומקלעבן. ער ווײסט שוין איצט אויך נישט בלויז שטײענדיקע פֿיגורן צו מאַכן, נאָר אויך זיצנדיקע און ליגנדיקע. נעבן אים זיצט איצט וויקטאַ אַלײן, קוקט שעהן אויף זײַן אַרבעט. זי זיצט שווײַגנדיק, שטיל, ווי ס'זיצט אַן עלטערע פֿרוי און קוקט זיך צו צו איר ברויטגעבערס אַרבעט. יואליק קנעט פֿאַרעקשנט אין לײם, ער שנײַדט אויס אַ שטיק נאַס

לייב אין דער מענטשישער פּלייצע, ער קנייפּט אויס אַ שטיק ליימיקן האַלז אָדער קאָפּ, און וואַרפט עס צו צו אַ רוקן אָדער צו אַ פּלייצע. ער לויפט אַלע מאָל אָפּ פון ווייטנס הינטער זיך, קוקט מיט איין אָפן אויג און לויפט צוריק צו, גיך און האַסטיק, ווי ס'וואָלט אים עמיצער אונטערגעטריבן. און אָפּטמאָל גיט ער גאָר אַ שטעל אָן זיין אויג אויף וויקטאָס אַ פוס אָדער האַנט, קוקט, קוקט און גיט אַ שניט מיטן העלצל אין ליים. תחילת דערשרעקט זיך וויקטאָ פאַר זיין בליק, גיט זי זיך נאָר אַ וויש מיטן קליידל דעם פוס, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס אָפּווישן, און זי לאַכט!

— וואָס גלאָצסטו, נאַר איינער...

נאָר אַז יואליק ענטפערט איר גאָרנישט, קוקט זי ווייטער רויק אויף יעדער באַוועגונג זיינער און דערציילט שטיל און לאַנגזאַם. זי דערציילט, אַז דאָרט, וואו דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ צום וואַלד, דאָרט איז נאָך נישט עק וועלט. זי איז דאָרט געגאַנגען מיטן טאַטן אירן צום קאָשטשאָל און דער הימל ציט זיך נאָך וויט, ווייט. זי דערציילט, וואָס פאַר אַ שיינע פענסטער אין קאָשטשאָל זענען: גרינע, בלויע און רויטע. און זי דערציילט אויך, אַז דאָרט אין קאָשטשאָל זענען נאָך שענערע מענטשעלעך פאַראַן, ווי די, וואָס יואליק מאַכט. טויזנט מאָל שענערע. און גרויס זענען זיי, די מענטשן, גרעסער ווי די טאַטעס. און אַזעלכע מאָדנע זענען זיי. טייל האַלטן גרויסע שטעקנס אין די הענט און גייען אָנגעטאָן אין קליידלעך, פּונקט ווי די ווייבער. טייל האַלטן קינדער אויף די הענט, אַזעלכע פּיצינקע קינדערלעך, און אַנדערע האַלטן גאָר ריטלעך אין די הענט און טרייבן קליינע שעפּסעלעך.

יאָליק הערט, וואָס וויקטאָ דערציילט, און פרעגט עטלע־
כע מאָל איבער:

— און פערד זענען אויך דאָרט פאַראַן, וויקטאָ?...
פערד אויך? —

וויקטאָ זאָגט, אַז קיין פערד איז נישטאָ. בלויז שעפ־
טעלעך. און זי דערציילט איבער דאָס, וואָס דער טאַטע
אירער זאָגט:

— ער זאָגט, אַז ער וועט אַוועקפאָרן ערגעץ ווייט,
איבערן ים...

— ער זאָגט, אַז ער וועט די קינדער דאָ איבערלאָזן.
אָנדינגען זיי צו פאַשען חזרים...

יאָליק באַטראַכט נאָך איינמאָל דעם ליימיקן פאַרשוין
זיינעם און גיט אים אַ שטויס מיטן פוס אין רוקן. ער
ליידט זיי נישט, די ליימיקע פאַרשוינען זיינע. וויפל ער
זאָל זיי נישט שניידן און קנעטן, שטייען זיי אַלץ אַזעל־
כענע צעדרייטע, קרומע, גאָרנישט ווי דאָרט ביי זיי אויף
די פאָרצעלייענע פולמעסן. ביי אים אין לייב, צווישן האַרץ
און קאָפּ, לויפט עפּעס כסדר אַרום דאָרט און הוידעט זיך
הין און צוריק. עפּעס ציט זיך דאָרט צו עפּעס. עפּעס
הוידעט זיך און נאָגט, נאָגט. אָפטמאָל שלאָגט אים אַ
וואַרעמקייט דורך, אַז אין קאָפּ ווערט אים אַזש הייס און
יעדער האָר־וואָרצל בריט באַזונדער. פון שטענדיקן
אַרבעטן אין ליים האָבן זיך ביי אים האַרטע מוסקולן אָנ־
געהויבן ווייזן און דאָס שמאָלע אַרבעלע פון העמדל פלאַצט.
יאָליק פילט, ווי אין די הענט קיצלט עפּעס און ער טוט
פאַרשיידענע זאַכן אָפּ. ער וואַרפט שטיינדלעך איבערן טייך.
ער צילט מיט שטיקלעך פאַרטרוקנט ליים אין פאַרטראַכטע
קראָען. ער יאָגט זיך נאָך פייגעלעך מיט אַ לאַנג שטריקל

מיט אַ האָקן, נאָר אין אים נעמט זיך אַלץ אומרויִקס און בייזס – וואַרפט ער אַ פּאָר שטרענגע בליקן אויף וויקטאַן, ווי דער טאַטע זיינער אויף דער מאַמען, און ברומט מיט אַ באַסיקער שטים:

– הער אויף מיר נאָכקריכן, וויקטאַ...

– פּלאָנטער זיך מיר נישט אונטער די פיס, וויקטאַ...

תּחילת, אַז וויקטאַ שטעלט אויס אַ פּאָר גרויסע בעטנדיקע אויגן און נעמט זיך פּאַר אַ בריג פּאַרטוכל, ווי זי וואָלט זיך גרייטן וויינען, ווערט יואַליק גאָר צעררייצט. ער פילט, אַז צוגיין שלאָגן זיך איצט קאָן ער נישט. קיין שטיינדל וואַרפן קאָן ער אויך נישט. ברומט ער נאָר ווייטער עפּעס אונטער דער נאָז ווי ער וואָלט פון געדיכטע וואָנסן אַרויסגערעדט:

– עך, טרערן-גיסערן... בעעע! –

נאָר, אַז וויקטאַ שווייגט אויך נישט, אַז זי פּאַרשאַרצט דאָס ליינענע גזשיוּוקעלע פון די אויגן, אַז זי גיט אַ וואָרף אַ שפּיץ פּאַרטוכל אין דער לופט, ווי מ'צעררייצט אַן אינדיק, און שטרעקט אַ לאַנגע צונג אויס, – דעמאָלט דערפילט ערשט יואַליק, אַז ביי אים שטעכט עפּעס אונטער די נעגל און די אָדערן אין די הענט שטייפן זיך אָן. שטעלט ער זיך אַוועק מיט אַ פּאָר גרייטע הענט און פיס פּונקט אַקעגן וויקטאַן און קוקט אָנגעשטרענגט און אַרויסרופנדיק, ווי אַ יונגער האָן:

– א נו?..

– א נו?..

אַ ווײַלע שטייט מען אַזוי איינס אַקעגן אַנדערן צע־רייצט און אָנגעשטרענגט און מ'באַטראַכט זיך געַנוי, ווי מ'וואָלט זיך זען דעם ערשטן מאָל נאָך אַ לאַנגער צעשיי־

דונג. נאָר באַלד גיט מען זיך אַ וואָרף איינער אין אַנדערן אַריין און מ׳ראַנגלט זיך מיט אַלע כּוחות. וויקטאַ דראַפּעט מיט די נעגל. זי בייסט מיט די ציין. און יואַליק כאַפּט אַלע מאָל דאָ אַ האַנט, דאָ אַן אַקסל און פאַרקוועטשט אין זיינע שטייפע הענט. מ׳פילט ווי די הויט שמאַרצט, ווי די וואָרצלען פון די אויסגעריסענע האָר צוקן. מ׳פילט נעגל און ציין אין לייב. נאָר צוזאַמען דערמיט פילט מען עפּעס, ווי מ׳וואָלט אַ לאַנג דערוואַרטענע זאַך אָפּגעטאָן, ווי מ׳וואָלט עפּעס אַ פּוסטעס אָנגעפילט. און מ׳ראַנגלט זיך הייס און פאַרעקשנט און מ׳באַטראַכט זיך מיט אָנגע־שטרענגטע פאַרדרייטלטע אויגן.

זונטאָג בעט מען זיך איבער.

זונטאָג לאָזן ביידע ליימיקע איינוואוינער זייערע אָפּ־געהאָרעוועטע פערדלעך אויף דער אויסגעקראָכענער לאָנקע, וואו זיי שמירן זיך אויס זייערע ווייכע נאָזלעכער מיט ליים און קלעבּיקע גראָזן. וולאַדעק דער ליים־פירער טוט אָן אַ פרישן אויסגעקראָכמאַליעט העמד מיט אַן אוקראַאינישן רויט־אויסגענייטן גאָרס. ער שמירט אויס זיינע געפאַלדעוועטע שטיוול פעט און גלאַנצנדיק. ער נעמט אַרויס די האַרמאָניע פון רויטן זיידענעם טיכל און קומט מיט קליינוואַרג צו נפתּלין צו גאַסט. נפתּלי גייט אַרום אין איין ברוינעם לייבל מיט די טראָלדעלעך און גאָלדענע קנעפּלעך. ער זיצט ביים טיש, שמירט ביי די ליימיקע הענדלעך זייערע עקלעך מיט גרי־בּער פאַרב און טענהט איין מיטן שכן:

— דו פאָר בעסער, וולאַדעק, קיין אַרגענטינע. . .

— חעסט דאָרט, װאָלאַדעק, דאָס גרױסע גאָלד שאַרן...

װאָלאַדעק זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער סטראָ־יעט די קלאַװישן פון דער האַרמאָניע זײַנער און לאָזט אַרױס אָפּגעהאַקטע הײזעריקע אַקאָרדן. נפתלי דערצײלט לאַנג װעגן אַרגענטינע. ער מאָלט די גרױסקײט פון די הײזער, דעם טומל פון די גאַסן, די קלײדער פון די מענטשן. קלײנװאַרג זיצט אױף אַ ברעג באַנק, זײ קוקן שטיל און אומבאַװעגלעך פון אונטער פאַררוקטע דאַשקעס און זעען פאַר זיך גאַסן, פול אָנגעשאָטן מיט גאָלד. מענטשן אױסגעפּוצטע, מאָדנע אַזעלכע, אין געשטריקטע לײַבלעך מיט גאָלדענע קנעפּלעך, שטײען געדיכט, און אַ סך שטײען מיט לאַנגע אױסגעצױגענע שיפּלעס אין די הענט און שאַרן גאָלד צו זיך, פּאַקן אין אַלע קעשענעס. נפתלי רעדט,רעדט. ער װײַזט אױף די פרעמדע מטבעות,װײַזט די פינ־גערלעך און די קײטעלעך פון דאָרטן און װינקט צו שאָשעס זײַט:

— געמאַכט פון מיר אַ שמאַטניק, האַ?..

װאָלאַדעק דרײט אױס דעם קאָפּ צו דער קיך. דאָרט שטײט שאָשע און פּרעגלט. זי שטײט בײַם פײַער מיט פאַרשאַרצטע הענט, װאָס זענען איצט אינגאַנצן רױט. דער קאָפּ האָר איז אינגאַנצן קופּערדיק און די גריװן און צי־בעלעס קרעכצן פעט און שפּריצנדיק. און װאָלאַדעק לאָזט זײַנע פינגער גײן איבער די קלאַװישן און טופּעט צו מיט די פיס:

— הײ דאַנאַ, דאַנאַ... דאַנאַ...

— דאַנאַ... דאַנאַ...

אַז מ'דערלאַנגט צום טיש אַן אָנגעהױבן פלעשל, מ'שטעלט אַװעק בלױע געפאַרבטע טעלערס מיט אױסגע־

מאָלטע מענטשעלעך אויף די דנאָען און לאַנגע פּולמיסן מיט הייסע מאכלים — צעשמייכלט זיך שאָשע ברייט און פריידיק און זאָגט וולאַדעקן:

— האָב חתונה, שכן.

— די קינדער דאַרפן אַ מאַמע.

נפתלי נעמט אַ הייסע קאַרטאָפל אין מויל, לאָזט אַרויס די פּאַרע און שפּעט נאָך מיט פולן מויל:

— האָב חתונה...

— חתונה...

וולאַדעק זיצט פאַרטמט צווישן ביידע שכנישע עצות און קוקט שטרענג אויף זיינע קינדער. ער זעט ערשט איצט, אַז זיי זיצן נישט גוט אויף דער באַנק און זיי האָבן בכלל נישט קיין דרך־ארץ און קיין פרעמדער שטוב. באַטראַכט ער זיי לאַנג און ברומט:

— אָנדינגען זיי אויף חזרים־פּאַשען.

— פון ליים וועט גאָרנישט זיין...

נפתלי באַטראַכט יואַליקן פון זיין זייט און ענטפערט אָפּ:

— און מיינעם אָנדינגען צו אַ היטלמאַכער...

— פון פּייפלעך מיט צאַצקעס וועט גאָרנישט נישט זיין...

V

אויף ליימגרובן ציען זיך דינע, ווייסע האַרבסט־פעדים און פאַרשפּינען אַלץ אין זיך. אַ הימל ליגט אַ קאַלטער, אַ ריינער, מיט לאַנג צעצויגענע ווייסע פלעקן, ווי מ׳וואָלט אים נאָר־וואָס מיט אַ ריזיקן בעזים אויסגעקערט און סמנים פון בעזים איבערגעלאָזן.

אין וואָלאַדעקס הייזל איז ליידיק.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט נאָך וואָלאַדעק דאָס זונטאָגדיקע רעקל מיטן אויסגעקראָכמאַלעטן העמד אָנגעטאָן און געבראַכט עטלעכע פּאַרשוינען צו זיך צו פירן. יואַליק האָט זיי נאָכגעקוקט די פּאַרשוינען: איינער איז געווען מיט לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע וואָנסן און מיט אַ פּאַק געדראָטעוועטע כלים אויף די פּלייצעס; דער אַנדערער איז געווען איינגאַנצן אַ געגאָלטער און ביי אים אויפן שפּיציקן אַקסל איז אַן אויסגעקראָכענע מאַלפּע געזעסן און כסדר געכאַפּט ביי זיך פליי. זיי האָבן לאַנג באַטראַכט דאָס הייזל אויפן באַרג, זיי האָבן געשנעלט מיט די נעגל אין די אָנגעבלאָזענע בייכיקע ווענטלעך, זיי האָבן אַרונטערגעקוקט אונטער די אויסגעפוילטע גרונט-זיילן, נאָר איינפּאַטשן אין וואָלאַדעקס האַנט אויף „זגאָדע״ (מרשוה-ווערן) האָבן זיי בשום אופן נישט געוואָלט — האָט וואָלאַדעק אַ שפּיי געטאָן פון באַרג אַראָפּ גלייך אין וואַסער אַריין און זיך צעשריגן:

— פוילן זאָל עס בעסער, איידער אַזאַ געלט...

פון דעמאָלט אָן זעט מען אים נישט. בלויז נאָר אויף די פּאַררויכטע ווענט זענען פאַרבליבן עטלעכע קלאָרע בלוילעכע פלעקן, דאָרט, וואו ס'האָבן געהאָנגען די פּאַנען און די ריינדלעך. אין ווינקל שטוב איז נאָך אַ געגילדט הייליק בילדל פאַרבליבן און וועבט זיך אין שפּינוועבס און אין דער שווערער שטעקט נאָך אַ פּאָדקאָווע, אַן אָפּגעריבענע פּאָדקאָווע, וואָס איז צוגעשלאָגן אויף מזל.

יואַליק גייט יעדן טאָג צום הפקרדיקן הייזל, ער רופט הילכיק איבערן פּוסטן שטיבל, ער הערט זיך לאַנג איין צו די רויע ווידערקולות, וואָס ענטפערן אים אָפּ און ער שרייט זיי איבער:

— הו. . . האַאַ! . .

— האַא. . . אָואָוּ. . .

ער לאָזט זיך אַראָפּ צום טייך. דער טייך איז איצט פול, בלוי, אַזוי בלוי און שניידנדיק, אַז אָט, אָט, וועט ער זיך אין די נאַקעטע וועגט איינשניידן און לעבעדיקע שטיקער פון זיי אויסרייסן. איבער בלויע כוואַליעס הוידעט זיך וואַלדעקס מולטער, אַן איינזאַמע און פאַרלאָזענע. זי לויפט, דאַכט זיך, גיך, גיך און שטייט אַלץ אויף אַן אָרט. יואַליק זעצט זיך אַוועק אויף אַ שפּיציק אָפּגעשוואָנקענעם שטיין בײַם ברעג און קוקט ווייט איבערן וואַסער.

ווען וויקטאַ וואָלט זײַן, וואָלט ער זיך מיט איר אין מולטער אַרײַנגעזעצט און געשווימען איבערן טייך. דערצו ווערן נאָך איצט די פויגל אויך שוואַך. זיי פליען מחנות־ווײַז אין די וואַרעמע לענדער און ס'איז אַזוי גרינג כאַפּן איינעם, וואָס שטייט אָפּ אין מיטן וועג. אַ סך מאָל צע־ברעכט זיך אַ בושל אַ פליגל, כאַפּט מען אים ערגעץ אין אַ ווינקל, מ'האָדעוועט אים אויס אין אַ שטעלכל און מ'לערנט אים כאַפּן מײַז. נאָר זי איז נישטאָ, וויקטאַ. וואַצעק און באָליעק אויך נישט. זי פּאַשעט ערגעץ חזירים אין אַ דאָרף, אין אַ זײַטיקן דאָרף. יואַליק קוקט מיט אָפּגע־גע אויגן אין דער ווײַט, ווי ער וואָלט וועלן דערגרייכן ביז דעם דאָזיקן דאָרף, און ער כאַפּט אַ פֿאַרהאַרטעוועט שטיקל ליים און לאָזט עס לענגאויס דעם טייך. שוין עטלע־כע מאָל, ווי ער לאָזט זיך מיט אַ לאַנג שטריקל כאַפּן אַ פויגל, נאָר זיי פליען אים פון דער האַנט אַפּער. ער האָט שוין דעם לעצטן שוועבל אויסגעשאָסן, ער האָט זיך אַ צײַט געיאָגט נאָך אַ פאַרבלאָנדזשעטן קודלעוואַטן הונט, נאָר ער האָט אים נישט געפּאַקט. יואַליק איז בייז אויפן

פֿאַרשוואונדענעם הינט און ער מאַכט אָפּ בײַ זיך, אַז ער וועט זײַן גרויס, וועט ער גאָר ווערן אַ היצל. ער וועט זיך קויפֿן אַ פֿערד און וועגעלע מיט אַ שטײַג. ער וועט אַרומפֿאָרן מיט וויקטאַן איבער די שטעטלעך, ווי דער טאַטע זײַנער מיט דער מאַמען, און וועט זיך יאָגן נאָך הינט מיט אַ לאַנגער בײַטש אין האַנט. נאָר דערווײַל זוכט ער אויס זײַנע עטלעכע לײַמענע מענטשן און פֿערדלעך, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט נעכטיקן בײַם ברעג, ער קוקט אויף זייערע צעווייקטע פּנימער און רײַצט זיי מיט אַ לאַנג אויסגעשטרעקטער צונג:

— ס'קאַלט נאַקעט, האַ?..

ער וואַרט אויס אַ ווײַלע, ער קוקט זיי אָן גלײַך, ווי ער וואָלט וואַרטן אויף אַן ענטפֿער, נאָר אַז ס'דויערט אָפּ אַ היפּשע שטומע ווײַלע, ווערט ער שוין גאָר אין כּעס, ווי אַ מענטש, וואָס שאַפֿט און מ'טאָר אים נישט אַקעגנרעדן — נעמט ער עפּעס אַ שטיק פֿאַרפֿוילטן וואָרצל פֿון דער ערד, ער קלאַפּט צאָרנדיק איבער די לײַמישע קעפּ און קוקט זיי אָן צערײַצט און אַרויסרופֿנדיק, ווי אַמאָל, בעת ער פֿלעגט זיך קריגן מיט וויקטאַן:

— אַ נו?..

— אַ נו?..

אונטער פֿיאָלעטער ראַם, וואו דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ, שטייט אַ קלויסטער דאָרט אַ רויטער און הויכער און האַלט אונטער מיט צוויי פֿאַרריסענע צלמים דעם אַראָפּפֿאַלנדיקן הימל.

יואליק גייט יעדן פֿרימאָרגן אַוועק צום קלויסטער-

פּלאַץ און זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקל פון די פירקאַנטיקע אויסגעלייגטע ברעטער און באַלקנס. אַרום רויטן קלויסטער דראַפּען זיך רושטאָוואַניעס, פירקאַנטיקע און געקרייצטע, הויך איבער זיי דראַפּען זיך עטלעכע מענטשעלעך אין ווייסע פאַרטוכער און פאָרען זיך נעבן דריי גרויסע שטיינערנע פיגורן. יאָליק פאַררייסט זיינע בלו־ע אויגן און זעט אַלץ פון צווישן געדיכטע רושטאָוואַניעס אַפּער: אין מיט שטייט אַן אַלטער שטיינערנער מאַן מיט באָרוועסע פיס און מיט אַ ווייבערישער שאַל און האַלט אַ קליין שטיינערן קינד צוגעטוליעט צו דער געפלאָכטענער קאַלטענוואַטער באָרד זיינער. נעבן זיינע באָרוועסע פיס זיצט אַ מענטשל אין אַ ווייסן פאַרטוך און קראַצט אים מיט אַן אייזן די שטיינערנע פינגער פון די פיס. דערנעבן קניען צוויי שטיינערנע ווייבער מיט קיילעכדיקע רייפלעך אויף די קעפּ און מיט געפאַלדעוועטע קליידער. נעבן יעדערער בויגט זיך אַן אַנדער מענטשל אין אַ ווייסן פאַרטוך און האַקט מיט אַ שאַרפן גליט אין די פאַלדן פון שטיינערנעם קלייד.

יאָליק קוקט מיט אָפענע אויגן און טוליעט זיך אַלץ מער צו די ברעטער און באַלקנס, מ׳זאָל אים גאָרנישט נישט אַרויסזען. איינמאָל האָט מען אים שוין אַוועקגעטריבן. ער איז געשטאַנען פאַרגאַפט אַזוי מיט די אויגן צו די פיגורן, האָט ער דערפילט זיין אויער אין אַ פרעמדער האַנט, און אַ שטימע, אַ געדיכטע און אַ הייזעריקלעכע, האָט איבער אים געשריען:

— וואָס גלאָצסטו „שעלמע"?.. אַהיים!..

נאָר גלייך איז אונטערגעקומען איינער פון די מענטשעלעך אין די ווייסע פאַרטוכער און אים געגלעט איבערן קעפּל:

— ס׳געפעלן דיר די פיגורן, הא?..

ער האָט דעמאָלט דערזען, אַז דער אין ווייסן פאַרטוך איז גאָרנישט אַזוי קליין, ווי אין דער הויך. פאַרקערט, ער איז גאָר אַ הויכער און אַ ברייטער און האָט שוין גרויסע וואָנסן, אַזעלכע ווייכע, גוטע וואָנסן. יואליק האָט אים גלייך ליב באַקומען, שטאַרק ליב באַקומען, נאָר זיך גע־שעמט, זייער געשעמט פאַר אים. און ער קוקט אים נאָך איצט יעדער באַוועגונג אין דער הויך, ער פאָרשט נאָך יעדער קריץ, וואָס ער מאַכט מיטן אייזן אין שטיין, און טוליעט זיך צו די ברעטער, ס׳זאָל אים קיינער נישט זען.

אַז ער וועט זיין אַ גרויסער וועט ער נישט זיין קיין היצעל, וואָס אַרט עס אים, אַז ס׳לויפן אַרום הינט! ער וועט בעסער זיך אָנטאָן אַ פאַרטוך, פונקט אַזאַ ווייסן, ווי דער אַלטער, ער וועט קלעטערן הויך איבער רושטאָווא־ניעס, אַזוי הויך, שיער ביזן הימל. וויקטאַ וועט שטיין אונטן, וועט פאַררייסן די אויגן אין דער הויך, און אַז ער וועט זען, אַז עמיצער נעמט זי אָן ביים אויער און טרייבט זי אַוועק, וועט ער גיך אַראָפּ פון לייטער, ער וועט איר איבערגלעטן מיט דער האַנט איבער די האָר און פרעגן זי:

— ס׳געפעלן דיר די פיגורן, הא?...

די ליימגרובן ליגן אין ווייסן שניי געהילט. די קאָ־לירטע שייבעלעך אין נפתּלים הייזל זענען אַלע געפרוירן. און יואליק הויכט אָן אַלע מאָל זיין איינציקן זעקסער און פרעסט אים אויס אין דער פאַרקאָוועטער שויב.

די טעג זענען קורצע.

נפתּלי שפּאַנט אײַן זײַן פערדל אין סאַמע נאַכט און קומט אַהײם בײַז, קאַלט, מיט אײַזערנע װאָנסן. די נאַכט ציט זיך לאַנג, לאַנג. יאָליק כאַפּט זיך איבער עטלעכע מאָל אין נאַכט. ער כאַפּט אַ בליק צו דער טונקעלער סטעליע, אויף װעלכער ס'ציטערט לײַכט אַ קײלעכדיקער שאָטן פון אַן הענגענדיקן אַכטער לעמפּל. די בײַטש שטײט אין װינקל־קיך, װאַך און גרײט. אין פּליטע זינקען טעפּ שװאַרצע און בײַכיקע, און פון ערגעץ אַ באַהעלטעניש קלאָגט אַ גריל אָפּגעהאַקט און טרויעריק. יאָליקן װערט נישט הײמלעך פון דער באַכטיקער שטילקײט. ער פּרוּװט דערגײן, פון װעלכער זײַט דאָס גרילצן קומט. נאָר דאָס קול קומט אַלע מאָל פון אַן אַנדער זײַט, און ער גראָבט אײַן דעם קאָפּ אין קישן. לעבן אים ליגט דער טאַטע זײַנער און הויבט אַזוי שװער מיט דער האָריקער, אָטעמדיקער ברוסט. יאָליק באַטראַכט אים און ער באַקומט עפּעס מיטאַמאָל מורא פאַר אים. נישט אײנמאָל מאַכט ער זיך שלאָפן יאָליק, און הערט בײַנאַכט, װי טאַטע־מאַמע שמועסן זיך איבער פון בעט צו בעט:

— נפתּלי, נעם אים מיט מיטן בײַדל. ס'קינד האָט מורא אַלײן צו זײַן...

— נישט בײַ מײַן לעבן, שאָשע. אַ ליאַדע טאָג ברענג איך אַהער דעם היטלמאַכער און גיב אים מיט דאָס ײנגל...

יאָליק װײסט נישט אינגאַנצן, װאָס ער װעט דאָרט טאָן, װי אַזוי מ'װעט אים דאָס מיטגעבן מיט אַ פרעמדן מענטש, װי אַזוי װעט ער דאָרט עסן, שלאָפן. און ער שטעלט זיך פאָר דעם פרעמדן היטלמאַכער פּונקט, װי דעם פּויער, בײַ װעלכן װיקטאַ פּאַשעט חזירים. ער קומט דאָרט אַ סך מאָל אַהין, צו דעם פּויער מיטן אויסגערינענעם אײגל און מיט די געלע אויסגעצופּטע װאָנסן. ער

האָט מורא פאַר דעם פויער, — באַהאַלט ער זיך מיט וויקטאָן אין שטעלעכל און גיט איר ברויט מיט האָניק און שטיקלעך צוקער, וואָס ער גנבעט ביי זיך אין שטוב פון אויפן אויוון. זי ווייזט אים די יונגע חזירימלעך, וואָס זי האָט זומער געפּאַ-שעט, דאָס נייע צלמל, וואָס דער טאַטע אירער האָט איר גע-געבן לעצטגעלט, דאָס שטרויען געלעגערל אין דער וואַרעמער שטאַל צווישן די קי און חזירים, און די בלויע שיניאַקעס, וואָס דער בעל-הבית מאַכט איר מיטן פּאַסעק אויפן לייב. ער כאַפּט נאָכאַמאָל אַ בליק אויפן טאַטנס באַוואַקסענע באַקן און האָ-ריקער ברוסט, ער רוקט זיך אָפּ פון אים אין סאַמע וואַנט אַריין און טראַכט אים שוין עפּעס אָפּצוטאָן: נישט איינמאָל הערט ער אין מיט נאַכט, ווי דער טאַטע רעדט מיט דער מאַמע וועגן אים, מיינענדיק, אַז ער יואַליק שלאָפט. פון איצט אָן וועט ער כסדר זיך מאַכן שלאָפן און אויסהערן אַלע סודות זיינע. אַלע...

ביי נפתלין אין שטוב ברענט דער אַכטער לאָמפּ אַרויס-געדרייט אינגאַנצן; דער טיש איז מיט אַ געפּאַרבטן טישטוך געדעקט. שאָשע שטייט ביי דער קיך מיט די בלויזע פאַר-שאַרצטע הענט און קופּערפייערדיקע האָר און שרייט אַריבער דעם געקרעכצעריי פון די געפּרעגלטע גריוון:

— נו, ווי דאַכט זיך אייך, ר' שלום, ער וועט זיך אויס-לערנען די מלאכה, דאָס יינגל...

— ער וועט זיך אויסלערנען, ער וועט זיך אויסלערנען — ענטפערט ר' שלום צופרידן און לעקט אָפּ די געדיכטע וואָנסן נאָכן טרינק בראָנפן, וואָס ער האָט געטרונקען צו נפתלין לחיים.

יאָליק זיצט אין אַ ווינקל שטוב און לאָזט קיין אויג נישט אַראָפּ פון פרעמדן ייד. נאָך ביטאָג איז ער געקומען דער ייד מיטן טאַטנס ביידל: האָט ער דערווייל פאַנאַנדערגעפאַקט זיין פעקל מיטן פעלץ, פאַנאַנדערגעוואָרפן עס איבערן טיש און געסטריגעוועט פוטערנע קוטשמעס מיט אַ גראָבער זאַק־נאָדל. אין שטוב האָט באַלד אָנגעהויבן שמעקן מיט זויערס, מיט אַלטן גוי און מיט פאַרדאַרטן פעלץ, — אַזוי אַז אין נאָז האָט געקיצלט און ס'האָט זיך שטאַרק געוואָלט ניסן. נאָר יאָליק האָט אַלץ קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פונם פרעמדן ייד. ער האָט באַטראַכט זיין געדיכטע באָרד און וואָנסן, וואָס [illegible] אַ מויל, און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער קאָן עסן. ער האָט באַטראַכט זיינע געקרייזלטע הערעלעך אויפן האַלז, וואָס קומען זיך צוזאַמען מיט דער געדיכטער באָרד, די באָרד מיט די שפּיזיקע הערעלעך פון די אויערן, די וואָנסן מיט די האָר אויף דער נאָז, די ברעמען מיטן אַראָפּגערוקטן שעפּסענעם היטל, און אַלץ אַזוי געדיכט, פאַרקרייזלט און מיט אַזאַ אָפּגעקראָכענער שוואַרצקייט, אינגאַנצן ענלעך צו ווייַנע שוואַרץ־ברוינלעכע „באַרענקעס" און שטיקער פעלץ, וואָס ער סטריגעוועט מיט דער זאַק־נאָדל.

אין שטיבל הויבן די געפרווירענע שויבן אָן לאָזן און די פאַרע לייגט זיך געמיטלעך אויף די ווענט, אויבן־אָן זיצט דער האָריקער ייד און מאָלט מיט דער באָרד לאָקשן, הויך און רייבנדיק. נפתלי זיצט דערלעבן, ער דינגט זיך לאַנג און פאַרעקשנט און רעדט פעסט:

— נאָר מיט פיר רובל אויף יעדן פּסח, ר' שלום...

— אַ נישט גייט עס נישט, ר' שלום...

ר' שלום איז נישט מפסיק פון עסן, ער שאָקלט נאָר

ן קאָפּ אויף ביין און קוקט אויף שאָשעס זייט. זי ווייזט אים, וואָס פאַר א גילדענע הענט ביים יינגל זענען און טראָגט אים אונטער עטלעכע ליימענע פּאַרטריקנטע פּאַרשוינען, וואָס יואליק האָט שטיין לעבן קיך. ר' שלום צעציט זיינע קיילעכדיקע אויגן, וואָס זעען אויס, ווי אונטערגעפּילטע שוואַרצע פויגל-קאַרשן, ער ווינקט צו יואליקן מיט א באַוואָקסענעם פינגער און דאָס גאַנצע האָריקע געדיכטעניש זיינס פון די אויערן ביזן קאַרק לאַכט ציטערנדיק און פאַרשטיקט:

— האָ, הי, הי – ביי מיר וועסטו אַזעלכע געטשלעך נישט טאָרן מאַכן, שייגעץ...

— כע, כי, כי... ביי מיר וועסטו זיך לערנען די מלאכה; און שלאָפן וועסטו מיט מיר... אין איין בעט...

יואליק לאָזט אַראָפּ די אויגן, ער ציט אומגעדולדיק די שטיוועלעך פון די פיס, ער באַהאַלט זיך אונטערן איבערבעט און גלאָצט פאַרטראַכט אויף דער וואַנט. ביים טיש רעדט מען נאָך לאַנג, נאָר יואליק דרייט נישט אויס דעם קאָפּ. ער פאַרמאַכט די אויגן און פאַר אים דרייען זיך קיילעכדיקע פייערדיקע רינגען גיך און בליצנדיק. ער זוכט אויס שפּאַלטן, פלעקן אין דער וואַנט און זעט מאָדנע פיגורן, מענטשן מיט בערד און מיט פיר פיס, ווייבער מיט אויגן אין די באַקן און מיט הערנער אין די שטערנס. ער פירט מיט א פינגער אונטערן איבערבעט, ער שניידט אין לופט קאָנטורן און ליניעס, ווי פאַר אים וואָלט שטיין א מאַסע ליים, און וואַרפט אום מיטן זעלבן פינגער, ווען אים געפעלט נישט די אָנגעצייכנטע לופט-ליניע. שפּעטער קריכט ער אויף א רושטאָוואַניע אַזוי הויך, הויך, אַז ער רירט שוין אָן מיטן פינגער אין הימל; דערנאָך נעמט ער א שטיק ברעט און קלאַפּט דערמיט

וויקטאַס פּויער דערפאַר, וואָס ער האָט וויקטאָן געשלאָגן מיטן רימען. ער גייט אַוועק צו דעם מיטן ווייסן פאַרטוך און מיט די גרויע וואָנסן און ווייזט אים זיינע פאַרשווינען ביים טייך. ער וויל זיך דערנאָך יאָגן נאָך פייגל מיט אַ שטריקל אין האַנט, נאָר ער קאָן נישט, וואָרים ער שלאָפט מיטן האָריקן ייד אין איין בעט; ביים ייד זענען די פיס איינגאַצן באַוואָקסן, ווי ביים קודלעוואַטן הונט, וואָס ער האָט אַמאָל דאָ פאַרטריבן. ער רייסט זיך, נאָר דער האָרי-קער ייד שלאָגט אים מיט אַ רימען איבער דער פּלייצע און לאַכט מיט דער געדיכטער באָרד און וואָנסן:

— הי, הי, הי... ביי מיר וועסטו קיין געטשלעך נישט מאַכן...

— כע, כי, כ... ביי מיר ס'טו זיך לערנען די מלאכה... שלאָפן מיט מיר אין איין בעט...

יואַליק וויל אים צוריקשלאָגן, דעם האָריקן ייד, ער זוכט עפּעס כאַפּן, נאָר די הענט זענען אים שווער. ער רייסט אויף די אויגן און דער טאַטע זיינער ליגט אַזוי שטייף אויף אים, אַזוי שווער, אַז ער שפּאַרט אים איינגאַנצן צו צו דער וואַנט. יואַליק וויל אים אָפּרוקן, נאָר ער אָטעמט שווער און הייס. פון אָטעמען טראָגט זיך אַ האַרבער ריח פון בראָנפן און אייל. יואַליק הייבט אויף דעם קאָפּ און זעט, ווי אויפן טישל הענגט דער טישטוך צו דער ערד אַראָפּ; עטלעכע פלעשלעך ליגן אומגעוואָרפן און לאָזן לאַנגע שאָטנס נאָך זיך; אין ווינקל אויוון ליגט אַ קנויל פּעלצן און אָטעמען אַזוי שווער, פאַרדומפּן און רירעוודיק, ווי אַ ריזיקע קאָלטענעוואַטע חיה. יואַליק וויל זען דעם יידס בערדיקן קאָפּ, נאָר ער איז אַזוי פאַרקנוילט אין פּעלצן, אַז מען זעט אים גאָרנישט אַרויס. בלויז אַ שאָטן, אַ

משונהדיקער און פאַרווישטער, האָט זיך אויסגעלייגט אויף דער וואַנט, פעט און ציטערנדיק. און פאַרקראָכן מיט אַ שטיק אין סטעליע אַריין. יואליק קוקט שטאַרק אויפן שאָטן, נאָר דער שאָטן האַלט זיך אין איין באַוועגן, ער רוקט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער איבער די טונקעלע ווענט, אַז אָט־אָט דערגרייכט ער צום בעט זיינעם. יואליק שפרינגט גיך פון בעט אַרויס, ער טוט זיך אָן גיך און שטיל, ער שטופט אויף די צוגעפרוירענע טיר איינגעהאַלטן און פאָרזיכטיק און שלייכט זיך אין דער נאַכטיקער גרינקייט אַריין.

ער גייט גיך איבער ווייסן זילבער, ער סקריפּעט מיט פעסטע טריט אויף פינקלדיקע ברילי־אַנטן און פרוווט זיך אויסדרייען פון דער לבנה, זי זאָל אים נישט קאָנען נאָכלויפן; נאָר זי האַלט אים שטרענג אויפן אויג און שלייכט זיך מיט אים מיט ביז אין אַ זינקענדיקער, אויסגעהויקערטער שטאַל אַריין.

אויף דעם שטרויען געלעגערל, צווישן וואַרעמען פאַרע־דיקן מיסט און בהמשע פוילע ברומערייען וואַרעמט אים וויקטאַ זיינע געפרוירענע הענט און הויכט איבער אים מיט נאַכטיקע וואַרעמע אָטעמס. יואליק טוליעט זיך אין שטרוי און ציטערט לייכט, ווי דער רירנדיקער סאַפּענדיקער פעלץ וואָלט אים נאָכגעיאָגט. וויקטאַ באַהאַלט אים אין זיך און שושקעט שטיל:

– דאָ איז קיינער נישט, האָב נישט מורא, יואליק...

– דאָס רייבן זיך נאָר די בהמות אין דער קאָריטע, זיי זוכן דאָס שטיק זאַלץ...

שול-ביבליאטעק

№ 27

י. י. זינגער

לימגרובן

פארלאג / „קולטור-ליגע“ / ווארשע